Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

## אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 10, נומער 3 (48)

אָדר תשס״ה/פֿעברואַר 2005



1

פּורים־שפּילער (17טער יאָרהונדערט)

© D.R.



## פֿאַר אָנהייבערס

# פּורים

*הײַנט איז פּורים*
*מאָרגן איז אויס[1]*
*גיט אונדז אַ גראָשן[2]*
*און וואַרפֿט אונדז אַרויס!*

באַלד וועט זײַן פּורים, דער פֿריילעכער יום־טובֿ[3] ווען קינדער זינגען דאָס דאָזיקע ליד. זיי זינגען און טאַנצן, פֿאַרשטעלן זיך[4] מיט קאָסטיומען און קלאַפּן מיט גראַגערס[5]. אויך דערוואַקסענע הוליען[6], עסן און טרינקען (דער עיקר[7] טרינקען, ווײַל פּורים איז דער אייינציקער יום־טובֿ ווען נישט נאָר מען **מעג** נאָר מען **מוז** זיך אָנשיכּורן[8]). דער יום־טובֿ פּורים דערמאָנט אַ גליקלעך געשעעניש[9]: די ייִדן אין אוראַלטער פּערסיע זײַנען געראַטעוועט[10] געוואָרן פֿון אַ שרעקלעכער קאָנספּיראַציע. אַלע קענען די געשיכטע פֿונעם בייזן המן[11], דער שיינער אסתּר־המלכּה[12] און דעם קלוגן מרדכי־הצדיק[13]. אפֿשר[14] ווייסט איר אויך אַז די דאַטע פֿון פּורים איז דער 14טער אָדר[15]. אָבער וויפֿל פֿון אײַך ווייסן אַז הײַיאָר[16] זײַנען דאָ צוויי פּורימס? דאָס יאָר 5765 (טראַדיציאָנעל שרײַבט מען דאָס תּשס״ה[17]) איז אַן עיבור־יאָר[18]. אין דעם ציווילן (קריסטלעכן) קאַלענדאַר גיט מען צו[19] איין טאָג אַלע פֿיר יאָר. אין דעם ייִדישן קאַלענדאַר גיט מען צו אַ גאַנצן חודש[20]. מען טוט דאָס (לויט אַ קאָמפּליצירטער רעכענונג) זיבן מאָל אין יעדן ציקל פֿון נײַנצן יאָר. דער חודש קומט נאָך אָדר און ער הייסט ואָדר[21], וואָס מיינט דער צווייטער אָדר. אויב מע האָט צוויי מאָל אָדר האָט מען דאָך צוויי מאָל פּורים! וואָס טוט מען? דעם 14טן אָדר (הײַיאָר דעם 23סטן פֿעברואַר) רופֿט מען פּורים קטן[22] (דער קליינער פּורים) און מע מאַכט נישט קיין גרויסע שׂימחות[23]. און דעם אמתן[24] פּורים פֿײַערט מען דעם 14טן ואָדר (הײַיאָר דעם 25סטן מאַרץ). די גרויסע שיכּורים[25] וועלן מוזן וואַרטן! אָבער פּורים איז אויך די צײַט פֿונעם פּורים־שפּיל[26], און דער פּורים־שפּיל איז דער אָנהייב פֿון ייִדישן טעאַטער. צוליב דעם האָבן מיר דעם דאָזיקן נומער פֿון *טעם־טעם* אָפּגעגעבן[27] דעם ייִדישן טעאַטער. איר וועט דאָ געפֿינען נישט קיין פֿולע געשיכטע, נאָר עטלעכע בליקן[28] אויף פֿאַרשיידענע עפּאָכעס און פּערזענלעכקייטן פֿון ייִדישן טעאַטער איבער דער וועלט.

1. fini/over 2. sou/penny 3. YONTEF fête/holiday 4. se déguisent/put on disguises 5. crécelles/noisemakers 6. font la fête/revel 7. DER IKER surtout/especially 8. … O'NSHIKERN se saoûler/get drunk 9. événement/event 10. sauvés/saved 11. HOMEN Haman 12. ESTER-HAMALKE la reine Esther/Queen Esther 13. MORDKHE HATSADIK Mardochée/Mordechai 14. EFSHER peut-être/perhaps 15. ODER Adar 16. cette année/this year 17. TASHSA' (5765) = 2004/2005 18. IBER-… année embolismique/leap year 19. on ajoute/we add 20. KHOYDESH mois/month 21. VEYODER deuxième mois d'Adar/second month of Adar 22. PURIM KOTN petit Pourim/little Purim 23. SIMKHES célébrations 24. E'MESN vrai/real 25. SHIKURIM ivrognes/drunkards 26. pièce à thème biblique jouée pour Pourim/biblical play presented on Purim 27. consacré/devoted 28. regards/glimpses.

# די רעפּובליק פֿון חלומות[1]

פֿון אָקטאָבער 2004 ביז יאַנואַר 2005 איז פֿאָרגעקומען אינעם פּאַריזער ייִדישן מוזיי אַן אויסשטעלונג[2] געווידמעט[3] דעם פּויליש־ייִדישן שרײַבער און קינסטלער ברונאָ שולץ[4] (1892-1942).

ברונאָ שולץ, וואָס האָט געשריבן אויף פּויליש, איז באַקאַנט דער עיקר[5] ווי דער מחבר[6] פֿון צוויי זאַמלונגען דערציילונגען, *צימערינג־קראָמען*[7] (1934) און *סאַנאַטאָריע אונטער דער קלעפּסידרע*[8] (1937, אַדאַפּטירט פֿאַר אַ פֿילם פֿון וואָיטשעך האַס אין 1973[9]). זײַנע גראַפֿישע ווערק אָבער, וואָס געפֿינען זיך אין פּוילישע מוזייען, האָט מען ווינציק געזען אין מערבֿ[10]־אייראָפּע, און די אויסשטעלונג איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט זיי.

## חלומות אָדער קאָשמאַרן ?

דער טיטל פֿון דער אויסשטעלונג איז גענומען פֿון אַ דערציילונג, „די רעפּובליק פֿון חלומות“, אין וועלכער דער מחבר שטעלט פֿאָר אַן אידעאַלע וועלט, אַ וועלט פֿון פֿרײַע חלומות. אַן אויסטערלישע[11] רעפּובליק האָט טאַקע אַנטדעקט דער פּאַריזער עולם[12] : אַ ציקל גראַווירן אונטערן טיטל *דאָס געצנדינערישע בוך*[13] ווײַזט ווי אין אַ חלום אויף דער וואַך[14] מענער וואָס קניִען פֿאַר פֿרויען־הערשערינס מיט בײַטשן[15] אין די הענט – איז עס אַ רעפּובליק פֿון חלומות צי אַ דיקטאַטור פֿון אָבסעסיעס ? דעם מחברס אילוסטראַציעס צו זײַנע אייגענע ביכער האָבן ענלעכע מאָטיוון – שטאָלצע, זיכערע פֿרויען און קליינע, אונטערטעניקע[16] מענער. פֿון שולצעס אייל־בילדער[17] איז געבליבן נאָר איינס, „דאָס באַגעגעניש“ ווו עס טרעפֿן זיך צוויי וועלטן : די מאָדערנע, פֿאַרפֿירערישע שטאָט סימבאָליזירט פֿון צוויי עלעגאַנטע פֿרויען, און די אַלטע ייִדישע וועלט פֿאַרקערפּערט אין אַ בלייכן יונגן חסיד[18]. אויף די פֿילצאָליקע אויטאָפּאָרטרעטן האָט דער קינסטלער אַ מאָל אַן אויסדרוק פֿון אומצוטרוי, און אַ מאָל זעט ער אויס ווי אַ קינד מיט אַ דערוואַקסן פּנים[19].

## אַן אָנערקענטער ווירטואָז

שולץ האָט דאָס גאַנצע לעבן געוווינט אין דער פּראָווינצשטאָט דראָהאָביטש אין מיזרח[20]־גאַליציע (הײַנט אוקרײַנע). ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אַסימילירטער משפּחה[21], און ניט געקענט קיין ייִדיש. ער האָט געאַרבעט ווי אַ צייכענונג־לערער אין גימנאַזיע און גלײַכצײַטיק געשריבן און געמאָלט. זײַנע ווערק – אי די פּלאַסטישע אי די ליטעראַרישע – האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג אין פּוילישע אַרטיסטישע קרײַזן. אַ ווירטואָז פֿון דער פּוילישער שפּראַך, איז ער אויך געווען באַפֿרײַנדט מיט אַנדערע מאָדערניסטישע שרײַבער און קינסטלער פֿון זײַן צײַט, ווי גאָמבראָוויטש[22] און וויטקאַצי[23]. בשעת[24] דעם קריג איז ער געווען אין דראָהאָביטשער געטאָ. אַ סך פֿון זײַנע בילדער זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין יענע יאָרן, נאָר עס האָבן זיך יאָ אויפֿגעהיט אַ סעריע פֿאַנטאַסטישע פֿרעסקן באַשטעלט פֿון אַן עס. עס.־מאַן. שולץ איז דערשאָסן געוואָרן אויף דער גאַס אין געטאָ דעם 19טן נאָוועמבער 1942.

אין מוזיי איז אויך פֿאָרגעקומען אַן אויסשטעלונג „אויף די שפּורן פֿון ברונאָ שולץ“ מיט פֿאָטאָס פֿון מאַרק סאַניאָל פֿונעם הײַנטיקן דראָהאָביטש.



אַ בילד פֿונעם „געצנדינערישן בוך“. © D.R.



אַן אויטאָפּאָרטרעט פֿון ברונאָ שולץ. © D.R.

1. KHALOYMES rêves/dreams *sing.* חלום KHOLEM 2. exposition/exhibition 3. consacré/devoted 4. Bruno Schulz 5. DER IKER surtout/mainly 6. MEKHABER auteur/author 7. *Les Boutiques de cannelle/The Street of Crocodiles* 8. *Le Sanatorium au croque-mort/Sanatorium Under the Sign of the Hourglass* 9. *La Clepsydre/The Sandglass*, de/by Wojciech Has 10. MAYREV de l'Ouest/Western 11. étrange/strange 12. OYLEM public 13. *Le Livre idolâtre/The Idolatrous Book*, clichés sur verre 14. rêve éveillé/daydream 15. fouets/whips 16. soumis/submissive 17. peintures à l'huile/oil paintings 18. KHOSID hassid/Hasid 19. PONEM visage/face 20. MIZREKH de l'Est/Eastern 21. MISHPOKHE famille/family 22. Witold Gombrowicz (1904-1969) 23. Witkacy (Stanislaw Ignacy Witkiewicz, 1885-1939) 24. BESHA's pendant/during.

# אַספּעקטן פֿון ייִדישן טעאַטער

## אָנהייבן פֿון טעאַטער אויף ייִדיש

**אַז מע פֿרעגט פֿון וואַנען עס שטאַמט דער ייִדישער טעאַטער, קומט געוויינטלעך[1] דער ענטפֿער : פֿון דער פּורים־שפּיל[2]. אָבער די פּורים־שפּיל אַליין האָט אַ לאַנגע געשיכטע.**

לויט אַ מדרש[3], האָבן ייִדן געפֿײַערט פּורים שוין אין דער צײַט פֿון גלות בבֿל[4]. זיי האָבן געמאַכט פּראָצעסיעס מיט אַ המן[5]־פֿיגור און געטאַנצט אין אַ שפּיל מיט פֿײַער און וואַסער. ביסלעכווײַז[6] איז די פֿײַערונג געוואָרן אַ פּורים־מאַסקאַראַד מיט מוזיק, נאָר אָן ווערטער. שוין אין פֿריִען מיטלעלטער פֿלעגן לצים[7] פֿריילעך מאַכן דעם עולם[8] אויף ייִדישע שׂימחות[9] (פּורים, חנוכּה[10], און דערהויפּט אויף חתונות[11]). פֿון אימפּראָוויזאַציע זײַנען שפּעטער געוואָרן דיאַלאָגן (מיר געפֿינען צום בײַשפּיל אין 16טן יאָרהונדערט „אַ וויכּוח צווישן יצר־הרע און יצר־טובֿ“[12]), און דערפֿון זײַנען אַרויסגעוואַקסן לוסטיקע פּיעסעס.

די שפּיל האָט זיך ווײַטער אַנטוויקלט אונטער דער ווירקונג פֿון קריסטלעכן קאַרנאַוואַל אין די איטאַליענישע געטאָס (ייִדישע קוואַרטאַלן) און אויך אין דײַטשלאַנד, ווו מע קען פֿאַרגלײַכן איר אַנטוויקלונג מיטן דײַטשישן „נאַרנפֿעסט“[13].

אַנדערע עלעמענטן האָבן באַרײַכערט די פּורים־שפּיל. אַן אויסגעקליבענער פּורים־נאַר[14] איז געווען דער רעזשיסאָר און



**קינדער פֿון סאָכאַטשעוו (פּוילן, אָנהייב 1920ער יאָרן) פֿאַרשטעלן זיך אויף אַ פּורים־שפּיל.**

פֿאָררעדער[15] ; דער חזן[16] אָדער דער משורר[17] – שוין אַ שטיקל שוישפּילער אין שול – האָט צוגעטראָגן פּורים־לידער ; און ישיבֿה־בחורים[18] האָבן אָפּגעהיט זייער טראַדיציע פֿון פּורים־פּאַרסן, ווו אײַנער האָט געשפּילט דעם פּורים־רבֿ[19], פּאַראָדירט דעם רבֿס כאַראַקטעריסטישע רעדע און חוזק געמאַכט[20] פֿונעם לערנען בכלל[21]. מע האָט אויך געשטעלט דראַמעס געבויטע אויף געשעענישן פֿון תּנ״ך[22], ווי מגילת־אסתּר[23], עקדת־יצחק[24] און מכירת־יוסף[25].

דער דראַמאַטישער רעפּערטואַר פֿון 18טן יאָרהונדערט איז געוואַקסן אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿונעם ערנסטן אייראָפּעיִשן (ספּעציעל דײַטשישן) טעאַטער.

הײַנט צו טאָג האָבן די חסידישע סבֿיבֿות[26] באַנײַט די טראַדיציע פֿון פּורים־שפּיל. זיי ניצן אויס נאָך אַנדערע ביבלישע מאָטיוון, ווי אויך די חורבן[27]־טעמאַטיק און מעשׂיות[28] פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן.

**בילד פֿון אַ פּורים־שפּיל פֿון 17טן יאָרהונדערט.**

© D.R.





1. d'habitude/usually 2. pièce à thème biblique jouée à Pourim/Purim play 3. … MEDRESH d'après une légende/according to a legend 4. GOLES-BOVL l'exil babylonien/Babylonian Exile 5. HOMEN Haman 6. progressivement/gradually 7. LEYTSIM bouffons/clowns *sing.* לץ LETS 8. OYLEM assistance/audience 9. SIMKHES fêtes/celebrations 10. KHA'NUKE Hanouca/Hanukkah 11. KHA'SENES mariages/weddings 12. … VIKUEKH … YEYTSER-HORE … YEYTSER-TOV une dispute entre le mauvais et le bon penchant/A dispute between the evil spirit and the good spirit 13. carnaval/carnival 14. bouffon/clown 15. présentateur/master of ceremonies 16. KHAZN chantre/cantor 17. MESHOYRER זינגער אין שול 18. YESHIVE-BOKHERIM étudiants de yeshiva/yeshiva students 19. …-ROV rabbin de carnaval/mock rabbi 20. KHOYZEK … se moquait/made fun of 21. BIKHLA'L en général/in general 22. TANA'Kh Bible juive/Jewish Bible 23. MEGILES-ESTER le rouleau d'Esther/the Scroll of Esther 24. AKEYDES-YITSKHOK le sacrifice d'Isaac/the Sacrifice of Isaac 25. MEKHIRES-YOYSEF la vente de Joseph/the Selling of Joseph 26. KHSI'DISHE SVIVES milieux hassidiques/Hasidic circles 27. KHURBM Shoah 28. MAYSES histoires/stories.

# דער פֿאָטער פֿון ייִדישן טעאַטער

אַבֿרהם[1] גאָלדפֿאַדען (1840-1908) ווערט אָנגערופֿן „דער פֿאָטער פֿונעם ייִדישן טעאַטער". אַוודאי[2] האָט מען אויך פֿריִער געשפּילט אויף ייִדיש, נאָר קיין פּראָפֿעסיאָנעלער טעאַטער איז נישט געווען. גאָלדפֿאַדען שטאַמט פֿון וואָלין (הײַנט אין אוקראַיִנע). דער זון פֿון אַ זייגער־מאַכער, אַ משׂכּיל[3], האָט ער באַקומען אי אַ טראַדיציאָנעלע אי אַ וועלטלעכע[4] בילדונג. ער האָט שטודירט אין דער רוסישער ראַבינער־שול[5] פֿון זשיטאָמיר, וווּ צווישן זײַנע פּראָפֿעסאָרן זײַנען געווען די שרײַבער סלאָנימסקי, אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר פֿון וויסנשאַפֿט אויף העברעיִש, און גאָטלאָבער, איינער פֿון די ערשטע ייִדישע שריפֿטשטעלערס. גאָלדפֿאַדען האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן אויף העברעיִש און אין 1865 איז דערשינען זײַן ערשט ביכל שירים[6]. אין 1866 איז אַרויס אַ ביכל מיט ייִדישע לידער, *דאָס ייִדעלע*, וואָס זײַנען געוואָרן פּאָפּולער צווישן בדחנים[7] און פֿאָלקסזינגער. זײַן טעאַטראַלישע טעטיקייט[8] האָט ער אָנגעהויבן אין זשיטאָמיר, ווען ער האָט געשפּילט עטינגערס *סערקעלע*[9]. נאָך פֿאַרשיידענע פּעדאַגאָגישע און ליטעראַרישע אַרבעטן, האָט ער זיך אָפּגעגעבן פֿולשטענדיק




הילע פֿון „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ" פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען, אַ דראַמע וואָס קומט פֿאָר אין פּאַלערמאָ אין 14טן יאָרהונדערט (ניו־יאָרק, היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, אַרום 1900)

© D.R.

אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען (1840-1908) © D.R.



מיט טעאַטער. אין יאַס[10] (רומעניע) האָט ער זיך באַגעגנט מיט די „בראָדער זינגער", זייער אַ פּאָפּולערע וואַנדער־טרופּע אין רומעניע וואָס האָט שוין געזונגען זײַנע לידער. ער האָט געשריבן טעקסטן און לידער, און שפּעטער אמתע[11] פּיעסעס. נאָך דעם האָט ער גאַסטראָלירט[12] מיט אַ פֿאַרגרעסערטער טרופּע אין אַנדערע רומענישע שטעט און אין רוסלאַנד. גאָלדפֿאַדען האָט געשריבן סאַטירישע קאָמעדיעס (*שמענדריק*, *די צוויי קונע לעמלס*), היסטאָרישע און מוזיקאַלישע דראַמעס (*בר־כּוכבא*[13]). דאָס באַקאַנטסטע פֿון זײַנע ווערק איז די ראָמאַנטישע אָפּערעטע *שולמית*[14], צו וועלכער ער האָט געשריבן דאָס באַרימטע וויגליד „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען". זײַנע פּיעסעס האָט ער געשטעלט לויט דעם סטיל פֿונעם רוסישן און דײַטשן טעאַטער. דער אוקאַז[15] פֿון 1883, וואָס האָט פֿאַרווערט[16] צו שפּילן טעאַטער אויף ייִדיש, האָט אָפּגעהאַקט זײַן גוואַלדיקן דערפֿאָלג. דעמאָלט איז גאָלדפֿאַדען און אַנדערע אַקטיאָרן אַוועקגעפֿאָרן אין אַמעריקע און מערבֿ[17]־אייראָפּע. אַ דאַנק גאָלדפֿאַדענען האָט דער ייִדישער טעאַטער געקענט זיך באַרימען מיט אַן עכטן רעפּערטואַר און פּראָפֿעסיאָנעלע טרופּעס.

1. AVROM 2. AVADE bien sûr/of course 3. MASKIL adepte du mouvement juif des Lumières (Haskalah)/adherent of the Jewish Enlightenment movement (Haskalah) 4. laïque/secular 5. école officielle de fonctionnaires communautaires juifs en Russie/State-run rabbinic seminary 6. SHIRIM העברעיִשע לידער 7. BADKHONIM amuseurs des mariages/wedding entertainers 8. activité/activity 9. comédie de/comedy by Shloyme Etinger (1803?-1856) 10. Jassy (Iasi) 11. E'MESE vraies/real 12. fait des tournées/went on tour 13. BAR-KOKHBE 14. SHULAMIS 15. décret/decree 16. interdit/prohibited 17. MAYREV de l'Ouest/Western.

# די באַרימטסטע פּיעסע אין דעם ייִדישן רעפּערטואַר – דער דיבוק[1]



ש. אַנ־סקי (1920-1863)

© D.R.

ש. אַנ־סקי[2] איז אין זײַן צײַט געווען מער באַקאַנט ווי אַ פֿאָלקלאָריסט אײדער ווי אַ דראַמאַטורג. ער האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן נוסח[3] פֿון *דיבוק* אויף רוסיש, אינספּירירט פֿון פֿאָלקס־מעשׂיות[4] וואָס ער האָט געזאַמלט בשעת[5] זײַן פֿאָלקלאָריסטישער עקספּעדיציע דורך אוקראַיִנישע שטעטלעך צווישן 1911 און 1914.

## פֿאַר וואָס אַ דיבוק ?

דער סוזשעט[6] נעמט זיך פֿון אַ פֿאָלקס־גלויבעניש, אַז אַ גײַסט פֿון אַ געשטאָרבענעם קען אַרײַנגיין אין אַ לעבעדיקן מענטשן. אין דער פּיעסע ווערט אַ יונג מיידל לאה[7] באַזעסן[8] פֿונעם דיבוק פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם חתן[9], וואָס וויל ניט זי זאָל חתונה האָבן[10] מיט אַן אַנדערן. מע פֿירט זי צו אַ רבין[11] וואָס טרײַבט אַרויס דעם דיבוק, נאָר די כּלה[12] שטאַרבט סײַ ווי[13] פֿון ליבשאַפֿט.

## די „ווילנער טרופּע“

אַנ־סקי האָט איבערגעשריבן די פּיעסע אויף ייִדיש און זי פֿאָרגעלייגט דער „ווילנער טרופּע“. ער איז אָבער געשטאָרבן אין 1920 און די פּיעסע האָט מען ערשט געשפּילט צו זײַנע שלושים[14]. די אינסצעניזאַציע פֿונעם רעזשיסאָר דוד[15] הערמאַן איז געווען אין דעם קאָנסטרוקטיוויסטישן סטיל פֿון דעם רוסישן רעזשיסאָר מייערהאָלד.

## סימבאָליזם און גראָטעסק

מען האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף קאָלעקטיווע סצענעס, פּאַנטאָמימע און טאַנץ. סימבאָליזם און גראָטעסק האָבן אַרויסגעבראַכט די אַטמאָספֿער פֿון מיסטיק און סוד[16] אין דער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט. די אַוואַנגאַרדיסטישע קונסט האָט געפֿונען אינספּיראַציע אין די אַלטע ייִדישע טראַדיציעס, וואָס מיט צען יאָר פֿריִער האָט מען פֿון זיי חוזק געמאַכט[17] און געהאַלטן פֿאַר פֿינצטערע איבערגלויבענישן[18]. די „ווילנער טרופּע“ איז געוואָרן באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט צוליב דעם ספּעקטאַקל.

## אַ גרויסער דערפֿאָלג

מיט צוויי יאָר שפּעטער איז *דער דיבוק* אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף העברעיִש פֿון דער מאָסקווער „הבימה“[19], איבערגעזעצט פֿון ביאַליק[20] און רעזשיסירט פֿון וואַכטאַנגאָוו, אַ תּלמיד[21] פֿון סטאַניסלאַווסקי. מע האָט געשפּילט די פּיעסע אין אַ סך לענדער (אַפֿילו[22] אין יאַפּאַן), געמאַכט פֿון איר אַן אָפּערע (ניו־יאָרק, 1951) און אַ באַלעט (מאָסקווע, 2003). דער פֿילם, געדרייט אין וואַרשע אין 1937 פֿון מיכאַל וואַשינסקי, איז איינס פֿון די מײַסטערווערק פֿון ייִדישן קינאָ.



אַ סצענע פֿונעם פֿילם „דער דיבוק“ (וואַרשע, 1937).

© D.R.



1. … DIBEK *Le Dibbouk/The Dybbuk* 2. Sh. An-ski (1863-1920), pseudonyme de/pseudonym of Shloyme Zanvl Rapoport 3. NUSEKH version 4. …MAYSES contes populaires/folk stories 5. BESHA'S pendant/during 6. intrigue/plot 7. LEYE (Leah) 8. possédée/possessed 9. KHOSN fiancé 10. KHA'SENE … se marier/to marry 11. REBN au rabbi/to the rabbi 12. KALE fiancée/bride 13. *ici* quand même/anyway 14. SHLOYSHIM célébration des 30 jours après un décès/end of thirty-day mourning period 15. DOVID 16. SOD secret 17. KHOYZEK … on s'est moqué/made fun of 18. superstitions 19. HABIMA העברעיִשער טעאַטער אין מאָסקווע 20. Khaim Nakhman Bialik (1873-1934) 21. TALMID élève/student 22. AFILE même/even.

אסתּר[1] אַשענבוים, אַ יִדיש־סטודענטקע אין פּאַריז, האָט אויסגעקליבן פֿאַר אונדזער טעאַטער־נומער אַ קליינעם מוסטער[2] פֿון די מעמואַרן פֿון איר טאַטן, דעם יִדישן שרײַבער יחזקאל[3] קייטלמאַן. קייטלמאַן איז געבוירן געוואָרן אין מעליץ (פּוילן) אין 1905. ער איז באַקאַנט געוואָרן ווי אַ שרײַבער דורך זײַנע דערציילונגען וועגן דעם שטעטל־לעבן און דער עיקר[4] וועגן זײַנע איבערלעבונגען בעת[5] דער צווייטער וועלט־מלחמה[6], ווען ער האָט געוואַנדערט איבער סיביר און אוזבעקיסטאַן. ער האָט אימיגרירט אין אַמעריקע אין 1951 און איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1969.

אין אַ זאַמלונג *אויפֿן וועג קיין אומאַן*[7] (ניו־יאָרק, 1967) דערציילט ער וועגן זײַנע איבערלעבונגען און די ברייטהאַרציקע מענטשן וואָס האָבן אים געהאָלפֿן.

אין דעם ווײַטערדיקן טעקסט, אויסגעקליבענע שטעלן[8] פֿון אַ לענגערן קאַפּיטל, געפֿינט זיך דער מחבר[9] אויפֿן דאָרף אין אוזבעקיסטאַן און פּרוּווט צו דערשלאָגן זיך[10] צו דער הויפּטשטאָט, צו טאַשקענט...

# איך קום צוריק קיין טאַשקענט



ב. זוסקין און ש. מיכאָעלס אין „בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“ (1925)
© D.R.

געשען איז עס אין אַ זונטאָג. איך בין אַרויס פֿון דאָרף און אַרײַן אין אַ וועלט פֿון נאַקעטע פֿעלדער. דער פֿרילינג האָט דערווײַל דאָ נאָך גאָרניט אויפֿגעוועקט און די ערד האָט געגלאַנצט מיט אַ האַרטן ברוינעם גלאַנץ פֿון קופּער. די לופֿט האָט דאָ געשמעקט מיט פֿרילינג און געסרחעט[11] פֿון ניט־באַגראָבענע מתים[12]. איך האָב געוווּסט אַז דאָ איז דאָס אָרט פֿון רויב און מאָרד ; באַנדעס פֿון קאָרעער[13] באַנדיטן, מאַרודערן[14] פֿון די פֿראָנטן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די ווילדענישן, רויבן און באַפֿאַלן און ווייסן ניט פֿון קיין רחמנות[15].

צום גליק האָב איך דערווײַל קיינעם ניט באַגעגנט. בלויז אַ מחנה[16] ציגײַנער איז אָנגעקומען און איידער איך האָב זיך רעכט אומגעקוקט, זײַנען זיי געווען לעבן מיר. אין איין רגע[17] און די לופֿט איז געוואָרן פֿול מיט אַ ריידערײַ פֿון זייער ציגײַנערישן לשון[18] און עס האָבן געשפּילט פֿידלען און עס האָבן געשאַלט טרומייטן[19] און געפֿיפֿן קלאַרנעטן.

צי איז עס ניט געווען מאָדנע – אָט דער האָצמעכישער אויסברוך[20] פֿון פֿרייד אין מיטן פֿון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט ? די מענער מיט ריזיקע שוואַרצע וואָנצן און די ווײַבער מיט שוואַרצע קאָלטנס[21] פֿון האָר. ווי פֿון אַלע ציגײַנער, אומעטום, האָט אויך דאָ פֿון זיי אַ פֿינקל געטאָן מיט אַלערליי קאָלירן און די זון האָט אַרויסגעלאַכט פֿון די נײַע קופּערנע פֿאַנען[22], וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט.

אַזוי שנעל ווי די ציגײַנער זײַנען געקומען, אַזוי שנעל זײַנען זיי אַוועק. איך האָב אויף אַ רגע ניט אויפֿגעהערט טראַכטן פֿון טאַשקענט. „וואָס דערוואַרט מיך דאָרט ?“ איך האָב בײַ מיר ניט געהאַט קיין שום דאָקומענט, אַ זאַך וואָס אָן דעם איז מען אַ פֿאַרלוירענער אין רוסלאַנד – ערגער ווי קראַנקייט, ווי היימלאָזיקייט. אָן אַ „פּאַפּירל“ אין קעשענע איז דאָך שוין בעסער דער טויט, ווײַל ווער וועט מיך אַריבערלאָזן איבער אַ שוועל ? אַפֿילו דער נאָענטסטער פֿרײַנד, אַפֿילו אַ ברודער, וועט זיך ניט אײַנשטעלן צו טאָן אַזאַ זאַך ! עס האָט מסתּמא[23] געמוזט זײַן שפּעט נאָך מיטאָג ווען איך האָב אַרײַנשפּאַצירט אין שטאָט. טאַשקענט האָט צענדליקער פֿאָר־אָרטשאַפֿטן[24] : מ׳דאַרף דורכגיין מיטל־עלטערלעכע געסלעך פֿון ליים[25], הויפֿן און הויפֿן, צענדליקער באַזאַרן, געמאַרקן[26], אָריענטאַלישע טייהײַזער. די שטאָט איז צעלייגט איבער מײַלן און מײַלן.

6

1. ESTER 2. échantillon/sample 3. YEKHEZKL 4. DER IKER surtout/mainly 5. BEYS pendant/during 6. MILKHOME guerre/war 7. Uman, une ville en Ukraine/a town in Ukraine 8. passages 9. MEKHABER auteur/author 10. parvenir/make his way 11. GESARKHET puait/stank 12. MEYSIM cadavres/corpses *sing.* מת MES 13. coréens/Korean 14. maraudeurs/marauders 15. RAKHMONES pitié/pity 16. MAKHNE bande/band 17. REGE moment 18. LOSHN langue/language 19. les trompettes ont retenti/trumpets blared 20. explosion guignolesque/circuslike eruption “פֿונעם נאָמען האָצמאַך, אַ העלד פֿון גאָלדפֿאַדענס „כּישוף־מאַכערין 21. tignasses/mops 22. poêles/pans 23. MISTOME probablement/probably 24. faubourgs/outskirts 25. argile/clay (dirt roads) 26. *ici* marchés/*here* markets



**ב. זוסקין און ש. מיכאָעלס**
**אין „קעניג ליר“**
© D.R.

איך בין געגאַנגען און געגאַנגען און צום גיין האָט גאָר ניט געזומען קיין סוף[27] ! און דאָך בין איך געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער צום צענטער. און פּלוצעם איז מײַן בליק געפֿאַלן אויף אַ פּלאַקאַט, אַן אַרויפֿגעקלעפּטער אויף אַ וואַנט, געשריבן אויף רוסיש, אין וועלכן עס איז געוואָרן דערציילט וועגן אַ פֿאָרשטעלונג פֿון „קעניג ליר“ אויף ייִדיש אונטער דער רעזשי[28] פֿון מיכאָעלס[29] און דעם מיטשפּילן פֿון זוסקינדן[30] און אַנדערע ייִדישע אַקטיאָרן, און פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג וועט האָבן אַן אײַנלייטונגס־וואָרט[31] פּרץ מאַרקיש[32].

פֿאַרשטייט זיך אַז איך האָב באַלד אויפֿגעזוכט דאָס טעאַטער. ווען איך בין אַהינגעקומען האָט שוין אַן אָרעמלעכער עולם[33] געהאַלטן אין אַרײַנגיין אין זאַל. איך בין געווען פֿון זיי אַלע דער אָרעמסטער, דער אַממייסטן אָפּגעשליסענער[34], דער אַממייסטן דערשלאָגענער[35], און איך האָב מיך פּשוט[36] געשעמט, אַז מאַרקיש זאָל מיך דערזען אין אַזאַ מעמד[37]. דאָך בין איך צוגעגאַנגען צום בילעטן־פֿענצטערל און געבעטן דער מיידל זי זאָל וועמען[38] אַרײַנשיקן אין טעאַטער און אַרויסרופֿן מאַרקישן.

עס האָט גענומען אַ קורצע צײַט און ער איז אַרויסגעקומען. ער האָט אַ צעשפּרייט געטאָן אויף זײַן שטייגער די אָרעמס און זיי זײַנען געבליבן ווי פֿאַרגליווערטע הענגען[39]. ער האָט זיך אין מיר אײַנגעקוקט און, ווײַזט אויס, מיך ניט דערקענט. איך האָב אָנגערופֿן מײַן נאָמען און ווידער האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז דער נאָמען מײַנער איז אויפֿגעגאַנגען אין זײַן זכּרון[40], און ווען דאָס איז געשען האָט ער אַרויסגעלאָזט אַן – „אָהאָ ! איר זענט עס ? וואָס איז מיט אײַך געשען ?“ ... ער האָט מיך ממש[41] אַ כאַפּ געטאָן און אַרײַנגעשלעפּט אין טעאַטער און מיך אַרונטערגעפֿירט הינטער די קוליסן[42]. דאָס ייִדישע טעאַטער אונטער מיכאָעלסעס פֿירונג, כאָטש עס איז געווען אויף גלות[43] אין טאַשקענט, איז עס דאָך געווען אַ גאַנצע מלוכה פֿאַר זיך[44]. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט בינע־אַרבעטער, דעקאָראַטאָרן, ליכט־עפֿעקטן־אָנשטעלער... אַלע זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ בייז־ווּנדער[45]. מ'האָט מיר אונטערגעטראָגן עפּעס צו עסן און מ'האָט מיך אָנגעהויבן אויספֿרעגן פֿון אַלע זײַטן. מיכאָעלס, אַ האַלב־גרימירטער[46], איז געקומען צו לויפֿן און געהייסן מיך אַרײַנפֿירן אין אַ וואַשצימער. זוסקינד האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען זײַנעם אַן אָנצוג[47]. צווישן די טעאַטער־רעקוויזיטן[48] האָט מען פֿאַר מיר אויסגעזוכט אַ גרינעם ראָק פֿון די צײַטן פֿון שעקספּירן. מע האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאָר זעלנערישע[49] שטיוועלעך און אַ נאַפּאָלעאָנישן קאַפּעלוש, און מאַרקיש איז געשטאַנען און אָנגעקוואָלן[50].

די פֿאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן. מיכאָעלס האָט געשפּילט, זוסקינד האָט געשפּילט, נאָר צווישן די אַנטראַקטן איז מען אַלץ געקומען צו מיר צו לויפֿן און אָנאויפֿהערלעך[51] האָט מען מיך דערמוטיקט, צוגעזאָגט צו לעגאַליזירן מײַן זײַן אין טאַשקענט, צו געפֿינען אַ דירה[52], אַרבעט. מיכאָעלס האָט מיך אײַנגעלאַדן צו קומען צו אים יעדן טאָג אויף אָנבײַסן „ביז איר וועט קומען צו זיך“.

איך בין אַרויס אין גאַס און מענטשן האָבן מיר נאָכגעקוקט. זינט יאָרן האָב איך אויף מײַן לײַב מער ניט געהאַט קיין גאַנץ מלבוש[53], און איצט האָב איך מיך ערשט אָנגעהויבן פֿילן ווי אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך.

איך בין אַוועק אין האָטעל צו מיכאָעלסן. ער האָט מיך באַזאָרגט מיט אַן אָרט ווּ צו שלאָפֿן, ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווּ מיך אײַנצוּאָרדענען אויף אַ פּלאַץ און ברעכן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל מײַן היימלאָזיקייט. מיט אים האָבן עס אויך געטאָן און צוגעהאָלפֿן מאַרקיש, דאָברושין, בערגעלסאָן, ראָזאָוו און נסתּר[54]. און ווי קען מען אַזעלכעס פֿאַרגעסן ?

**בנימין זוסקין און שלמה מיכאָעלס**
© D.R.





27. sof fin/end 28. direction 29. Shloyme Mikhoels (1890-1948) 30. Binyomin Zuskin (1899-1952) 31. introduction 32. perets Markish 33. oylem foule/crowd 34. dépenaillé/ragged 35. abattu/downhearted 36. poshet simplement/simply 37. maymed état/condition 38. עמעצן 39. געבליבן הענגען ווי פֿאַרפֿרוירן 40. zikorn mémoire/memory 41. mamesh littéralement/literally 42. coulisses/wings 43. goles exil/exile 44. melukhe … un royaume en soi/a kingdom of its own 45. “bête curieuse”/bizarre sight 46. à demi-grimé/half made-up 47. costume/suit 48. accessoires/props 49. militaires/soldier’s 50. jubilait/beamed 51. sans arrêt/endlessly 52. dire appartement/apartment 53. malbesh vêtement/piece of clothing 54. der nister (1884–1950) ייִדישער שרײַבער, פּסעוודאָנים פֿון פּ. קאַגאַנאָוויטש.

דער נאָמען יצחק אײַכל[1] איז נישט זייער באַקאַנט דעם ברייטן עולם[2] ייִדיש־לייענערס. ער האָט אָבער אָנגעשריבן איינע פֿון די אינטערעסאַנטסטע טעאַטער־פּיעסעס פֿון דער השׂכּלה[3] – אַ סאַטירישע קאָמעדיע מיטן טיטל „ר׳ הענאך – אָדער וואָס טהוט מע דאַמיט"[4]. די פּיעסע שילדערט די ייִדישער געזעלשאַפֿט פֿונעם 18טן י״ה[5] אין דײַטשלאַנד, ווײַזנדיק מיט קאָמישע עפֿעקטן צוויי טיפּן ייִדן : דער אַלטער דור[6], וואָס איז „אָפּגעשטאַנען"[7] און רעדט ייִדיש, און דער נײַער דור „אויפֿגעקלערטע"[8] מענטשן", וואָס רעדן דײַטש און פֿראַנצייזיש, פּרוּוון נאָכמאַכן די דײַטשן און קוקן מיט ביטול[9] אויף טאַטע־מאַמע.

לעצטנס איז אַרויס אַ נײַע אויסגאַבע פֿונעם אָריגינעלן ייִדישן טעקסט, באַגלייט מיט אַ טראַנסליטעראַציע, אַן איבערזעצונג אויף דײַטש און קריטישע אַרטיקלען וועגן היסטאָרישע, קולטורעלע און לינגוויסטישע אַספּעקטן פֿון דער קאָמעדיע. די רעדאַקטאָרן זײַנען מאַריאָן אַפּטראָט און ראָלאַנד גרושקאַ פֿון דיסלדאָרפֿער אוניווערסיטעט. דאָס בוך ברענגט אַ נײַע אָפּשאַצונג[10] פֿון אײַכלס ווערק און הייבט אַרויס זײַן וויכטיקע ראָלע אין דעם אויפֿקום פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

# דער עלטער־זיידע פֿון פּאָסטמאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור

פֿון מיכאל קרוטיקאָוו (ען־אַרבאָר, מישיגען)

ביז לעצטנס האָבן אַפֿילו[11] קענער פֿון ייִדישער ליטעראַטור געוווּסט פֿון יצחק אײַכל (1804-1756) מער פֿון הערן, איידער פֿון לייענען. אײַכל איז אַרײַן אין דער געשיכטע פֿון דער דײַטשיש־ייִדישער השׂכּלה ווי אַ ייִנגערער מיטצײַטלער פֿון משה מענדעלסאָן[12], אַן אַקטיווער טוער אין דעם העברעיִשן אַלמאַנאַך *המאסף*[13], און דער מחבר[14] פֿון דער קאָמעדיע *ר׳ הענאך אָדער וואָס טהוט מע דאַמיט*, דאָס צווייטע ייִדישע ווערק פֿון דער בערלינער השׂכּלה.

די איצטיקע מוסטערהאַפֿטיקע[15] קריטישע אויסגאַבע פֿון אײַכלס קאָמעדיע איז בפֿירוש[16] אַ נײַע אַנטדעקונג פֿון אַ גרויסן ליטעראַרישן טאַלאַנט. [...] זײַן קאָמעדיע איז געשאַפֿן געוואָרן אויף אַ געמיש פֿון עטלעכע שפּראַכן, וואָס איז כּולל[17] ניט נאָר ייִדיש, הויכדײַטש און דעם צפֿונדיקן[18] דיאַלעקט פֿון דער גערעדטער דײַטשישער שפּראַך, נאָר אויך ענגליש און פֿראַנצייזיש. פֿונדעסטוועגן, ווי עס באַטאָנען די אַרויסגעבער, איז דער כּתבֿ־יד[19] אָנגעשריבן מיט ייִדישע אותיות[20], און דאָס איז אַ באַווײַז, אַז דאָס ווערק געהערט צו דער ייִדישער ליטעראַטור.

שמואל[21] פֿײַנער ברענגט וואָגיקע ראיות[22], אַז דווקא[23] אײַכל, ניט מענדעלסאָן, איז געווען דער גרינדער און סאַמע אַקטיווער טוער פֿון דער השׂכּלה־באַוועגונג אין דײַטשלאַנד סוף 18טן יאָרהונדערט. געבוירן און אויפֿגעוואַקסן אין קאָפּענהאַגען אין אַ סוחרישער[24] משפּחה[25], איז אײַכל געווען 17 יאָר אַלט ווען ער איז אַריבערגעפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד. אין קעניגסבערג איז ער געוואָרן דער ערשטער ייִדישער סטודענט אין געביט פֿון הומאַניסטיק און האָט שטודירט פֿילאָסאָפֿיע בײַ אימאַנועל קאַנט. דווקא קאַנט האָט שפּעטער בטל געמאַכט[26] אײַכלס אויסזיכטן[27] צו ווערן דער ערשטער ייִדישער אוניווערסיטעט־לערער אין דײַטשלאַנד. די נאַטשאַלסטווע[28] פֿון דעם קעניגסבערגער אוניווערסיטעט האָט




**משה מענדעלסאָן (1786-1729), די הויפּטפֿיגור פֿון דער בערלינער השׂכּלה**

באַטראַכט אײַכלען ווי אַ קאַנדידאַט אויף דעם אַמט[29] פֿון אַ העברעיִש־לערער, אָבער סוף־כּל־סוף[30] האָט מען באַשלאָסן – און קאַנט האָט צוגעלייגט זײַן האַנט דערצו – אַז עס פּאַסט נישט פֿאַר אַ קריסטלעכן אוניווערסיטעט צו האָבן אַ ייִד ווי אַ לערער.



1. YITSKHOK … Isaak Euchel (1756-1804) 2. OYLEM public 3. HASKOLE Haskalah, le mouvement juif des "Lumières"/Jewish Enlightenment 4. REB HENEKh ou/or ? וואָס טוט מען דערמיט 5. יאָרהונדערט siècle/century 6. DOR génération 7. arrieré/backward 8. éclairés/enlightened 9. BITL mépris/contempt 10. appréciation 11. AFILE même/even 12. MOYSHE Mendelsohn 13. HAMEASEF „דער זאַמלער", די ערשטע העברעיִשע צײַטשריפֿט פֿון דער השׂכּלה 14. MEKhABER auteur/author 15. exemplaire/exemplary 16. BEFEYRESH littéralement/literally 17. … KOYLEL inclue/include 18. TSO'FNDIKN du nord/northern 19. KSAV-YAD manuscrit/manuscript 20. OYSYES caractères/characters 21. ShMUEL 22. RAYES preuves/evidence 23. DAFKE justement/indeed 24. SOKhRISHER de commerçant/merchant 25. MIShPOKhE famille/family 26. BOTL … réduit à néant/ruined 27. perspectives/prospects 28. autorités/authorities 29. poste/position 30. SOFKL-SOF finalement/in the end




„המאסף", די ערשטע צײַטשריפֿט פֿון דער השׂכּלה

אײַכל, דער באַגאַבטער[31] און טיכטיקער[32] יונגער־מאַן, איז געוואָרן דער שׂכל־הפּועל[33] פֿון דער גאַנצער השׂכּלה־באַוועגונג: אין איינעם מיט אַ טוץ אַנדערע יונגע־לײַט האָט ער אָרגאַניזירט די „געזעלשאַפֿט פֿון פֿרײַנד פֿון דער העברעיִשער שפּראַך", וואָס האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע מאָדערנע העברעיִשע צײַטשריפֿט *המאסף*. זײַער ציל איז געווען צו שאַפֿן אַ נײַע אויפֿגעקלערטע ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל זיך פֿילן היימיש סײַ אין דער ייִדישער, סײַ אין דער אייראָפּעיִשער קולטור. אָבער די געזעלשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג פֿון דעם פֿאַרמעגלעכן[34] ייִדישן בירגערטום אין די גרויסע דײַטשישע שטעט איז געגאַנגען אויף אַן אַנדער וועג, און צו די 1790ער יאָרן האָט אײַכל דערזען, אַז דער נײַער דור דײַטשישע ייִדן איז געוואָרן אין גאַנצן אַסימילירט און אָפּגעפֿרעמדט פֿון ייִדישקייט.



די נײַע אויסגאַבע פֿון אײַכלס פּיעסע

די קאָמעדיע *ר' חנוך* איז אַ ביטערע רעאַקציע פֿון דעם אַנטוישטן משׂכּיל[35] אויף דער גײַסטיקער, מאָראַלישער און קולטורעלער ירידה[36] פֿון דער ייִדישער קהילה[37]. אָבער פֿון אונדזער פּאָסטמאָדערנעם שטאַנדפּונקט איז אײַכלס ווערק ממש[38] אַן אוצר[39] פֿון מולטי־קולטורעלקייט, טעקסטועלער פֿילשפּראַכיקייט און לינגוויסטישע עקספּערימענטן. ווי עס באַמערקט דעלפֿין בעכטעל אין איר אַרטיקל וועגן קולטורעלע קאָנטאַקטן אין דער קאָמעדיע, איז יצחק אײַכל, לויט די עסטעטישע השׂגות[40] זײַנע, געווען אַ וועגווײַזער פֿאַר די ווײַטערדיקע דרייסטע[41] אַוואַנגאַרדיסטישע עקספּערימענטן אין דער ייִדישער טעאַטער־קונסט פֿון 20סטן יאָרהונדערט.

31. doué/gifted 32. actif, diligent/active 33. SEYKhL-HAPOYEL moteur intellectuel/driving force 34. aisé/well-off 35. MASKIL adepte de la Haskalah (Lumières juives)/adherent of the Haskalah (Jewish Enlightenment) 36. YERIDE déclin/decline 37. KEHILE communauté juive/Jewish community 38. MAMESh vraiment/truly 39. OYTSER trésor/treasure 40. HASOGES conceptions 41. hardis/daring.

# רפֿאל[1] פֿינקלס ייִדיש־ווינקל אין אינטערנעץ

אַ סך ניצלעכע זאַכן האָט אַרויסגעטראָגן אויף אינטערנעץ דער קענטאָקיער[2] פּראָפֿעסאָר פֿון קאָמפּיוטערײַ רפֿאל פֿינקל. צווישן אַנדערע זאַכן, אַנטוויקלט ער אַן ענגליש־ייִדיש ווערטערבוך, ווי אויך „אַ רשימה[3] פֿון גראַמענדיקע ייִדישע ווערטער", וואָס איז כּולל[4] 65 טויזנט איינסן. מע קען עס געפֿינען אויף www.yiddishdictionaryonline.com. ניט ווייניק אינטערעסאַנטע טעקסטן האָט פּראָפֿעסאָר פֿינקל געמאַכט אינטערנעץ־צוטריטלעך[5] אויך אויף www.cs.uky.edu/~raphael: פֿון אַ סך מוסטערן[6] פֿון ייִדישער פּאָעזיע, בתוכם[7] רפֿאל פֿינקלס אייגענע טעקסטן, ביז אַלכּסנדר[8] האַרקאַוויס *ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך* 6טע אויפֿלאַגע (ניו־יאָרק, 1910).

1. REFOEL Raphael 2. de/from University of Kentucky 3. RESHIME liste/list 4. … KOYLEL comprend/includes 5. accessible 6. échantillons/examples 7. BESOYKHEM y compris/including 8. ALEKSANDER.



## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַז: פֿאַראייניקטע שטאַטן[1]: איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט: ים־פּאָסט[2]: איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3]: איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען: .................................................. קרעדיט־קאַרטע־נומער: ..................................

אַדרעס: .................................................. אויסגאַנג[4]־דאַטע: ..................................

..................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס: The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס: faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# פֿאַר אָנהייבערס
## דער ייִדישער טעאַטער אין אַמעריקע

פֿון דער גרויסער ייִדישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע אין די יאָרן 1880־1914 איז אַרויסגעוואַקסן אַ גוואַלדיק[1] קולטור־לעבן מיט אַ וויכטיקן ייִדיש־טעאַטער. דער צענטער איז אַוודאי[2] געווען ניו־יאָרק, ווו די ערשטע פֿאָרשטעלונג[3] אויף ייִדיש איז פֿאָרגעקומען אין 1882. אין די צוואַנציקער יאָרן זײַנען דאָרטן געווען אַזש[4] 20 ייִדישע טעאַטערס, די מערהייט אויף דער „איסט סײַד“, אַרום דער „צווייטער עווועניו“. דער באַרימטסטער איז געווען מאָריס שוואַרצעס ייִדישער קונסט־טעאַטער, געגרינדעט[5] אין 1921, וואָס האָט עקזיסטירט ביז 1950. די טרופּע אַרטעף[6] (אַרבעטער טעאַטער־פֿאַרבאַנד), געגרינדעט אין 1925 פֿון ייִדישע קאָמוניסטן, האָט געשפּילט אינעם סטיל פֿון סטאַניסלאַווסקיס מאָסקווער קונסט־טעאַטער. די פֿאַרשיידענע טעאַטערס האָבן געשפּילט אַלע זשאַנערס און אין אַלע סטילן, פֿון העכסטער קונסט ביז דעם אַזוי־גערופֿענעם שונד[7]־טעאַטער. מע האָט געשטעלט[8] די ווערק פֿון ייִדישע דראַמאַטורגן (י. גאָרדין, אַ. גאָלדפֿאַדען, ד. פּינסקי, פּ. הירשביין), באַאַרבעטונגען[9] פֿון ראָמאַנען (שלום־עליכם[10], פּרץ[11], מענדעלע[12], שלום אַש[13], י. י. זינגער) און ווערק איבערגעזעצטע (אַ מאָל שטאַרק אַדאַפּטירטע) פֿון דער וועלט־ליטעראַטור : שעקספּיר, דאָסטאָיעווסקי, טשעכאָוו, סטרינדבערג, איבסען...). גלײַכצײַטיק איז אויפֿגעוואַקסן די מוזיקאַלישע קאָמעדיע, מיט אירע אייגענע „סטאַרס“, ווי די וועלט־באַרימטע מאַלי פּיקאָן[14]. געבוירן אין ניו־יאָרק אין 1898, האָט זי געשפּילט אויף דער בינע און אין קינאָ איבער פֿופֿציק יאָר. אירע גרעסטע ראָלעס, פֿון די 1930ער יאָרן, זענען *מאַמעלע* און *ייִדל מיטן פֿידל*. נאָך דער מלחמה[15] האָט זי געהאַט אַן אייגענעם טעאַטער און אויך געשפּילט אויף ענגליש אויף בראָדוויי און אויף דער טעלעוויזיע.




לאָגאָ פֿונעם טעאַטער „אַרטעף“ © D.R.

דער איינציקער טעאַטער וואָס שפּילט אויף ייִדיש הײַנט צו טאָג אין אַמעריקע איז די פֿאָלקסבינע. אָנגעהויבן אין 1915, ווערט זי הײַנט געשטיצט פֿון אַרבעטער־רינג און שפּילט פּיעסעס פֿונעם אַלטן רעפּערטואַר אָדער נײַע ווערק. לעצטנס האָט די טרופּע אויפֿגעפֿירט אַ פּיעסע פֿון אַ. גאָלדפֿאַדען, *די קאַפּריזנע כּלה־מויד*[16].

1. formidable 2. AVADE bien sûr/of course 3. représentation/performance 4. pas moins de/up to 5. fondé/founded 6. ARTEF 7. de bas étage/poor quality 8. mis en scène/presented 9. adaptations 10. Sholem-Aleykhem 11. PERETS Yitskhok Leybush Peretz 12. Mendele Moykher-Sforim 13. SHOLEM Ash 14. Molly Picon (1898-1992) 15. MILKHOME guerre/war 16. ... KALE-... La fiancée capricieuse/The fickle bride.

אַ קאַריקאַטור פֿון „דער גרויסער קיביצער“, אַן אַמעריקאַנער סאַטירישע צײַטונג : דער עולם וואַרפֿט אַרויס די גוטע דראַמאַטורגן (גאָרדין, קאָברין, ליבין, פּינסקי) און לויבט דעם שונד־טעאַטער.

© D.R.





מאַלי פּיקאָן אינעם פֿילם
„ייִדל מיטן פֿידל“
© D.R.

# אַ סצענע פֿונעם פֿילם „ייִדל[1] מיטן פֿידל“

*ייִדל מיטן פֿידל* איז מסתּמא[2] די באַרימטסטע מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין ייִדיש אויף דער וועלט. מאַלי פּיקאָן האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע. דער סצענאַר איז פֿון יוסף גרין[3] און די ווערטער צו די לידער האָט אָנגעשריבן דער פּאָעט איציק מאַנגער. מיר דרוקן דאָ אָפּ אַ סצענע פֿאַר אַ מוסטער[4]. די דאָזיקע סצענע געפֿינט זיך אין סאַמע אָנהייב פֿונעם פֿילם, ווען אַן אָרעמער ייִד אַ מוזיקאַנט און זײַן יונגע טאָכטער ווערן אַרויסגעטריבן[5] פֿון זייער היים ווײַל זיי קענען נישט באַצאָלן קיין דירה־געלט[6].

*[דער טאַטע מיט דער טאָכטער זיצן אויף דער ערד צווישן זייערע פּעקלעך און זייערע אינסטרומענטן, אַ פֿידל און אַ באַס.]*

**מיידל** : פֿאַרפֿאַלן[7] ! אָדם און חווה[8] האָט מען אויך אַרויסגעטריבן פֿון גן־עדן[9]. און דאָ איז גאָר נישט געווען אַזאַ גן־עדן.

**טאַטע** : פֿאָרט[10] געווען אַ דאַך איבערן קאָפּ.

**מיידל** : *[קוקנדיק אַרויף צום הימל]* האָבן מיר דאָך אַצינדער[11] אַ גרעסערן דאַך... און אַ שענערן... און דער איצטיקער באַלעבאָס[12] מאָנט נישט קיין דירה־געלט.

**טאַטע** : אמת[13]. אַ גוטער באַלעבאָס, אַ באַרעמהאַרציקער[14] באַלעבאָס... אָבער דער דאַך – אַ ביסל אַ לעכערדיקער[15].

**מיידל** : נו, וועלן מיר זיך ווי עס איז[16] אַן עצה געבן[17]. די וועלט איז דאָך גרויס, טאַטע. מיר'ן זיך אַרויסלאָזן איבער דער וועלט. מיר'ן וואַנדערן. מיר'ן פֿריילעך מאַכן מענטשן. מיר'ן זיי געבן מוזיק. דאָס איז נישט קיין בושה[18].

**טאַטע** : יאָ, יאָ, מײַן מיידעלע, אָבער...

**מיידל** : מיר'ן זיך באַגעגענען מיט נײַע מענטשן. דאָ קענען אונדז דאָך אַלע פֿון די אַלטע צײַטן. אָבער דאָרט... ווייסטו וואָס ? נאַ, עס... *[זי גיט אים אַ הערינג.]* זע וואָס איך האָב דיר געבראַכט...

**טאַטע** : און דו ?

**מיידל** : איך... האָב שוין געגעסן, טאַטע... נאַ !

**טאַטע** : יאָ, יאָ, אַרומוואַנדערן... הײַנט דאָ, מאָרגן דאָרטן... ווּ געטאָגט נישט גענעכטיקט[19]... בײַ נאַכט לייג זיך אין קרעטשמעס[20]... אַכסניות[21] ... און דו ביסט אַ מיידל, אַ דערוואַקסן מיידל... און מאַנסלײַט[22] וועלן זיך טשעפּען[23] צו דיר. אָט ווען דו וואָלטסט געווען אַ בחור[24]...

*... און אַזוי אַרום פֿאַרשטעלט זיך[25] דאָס מיידל פֿאַר אַ בחור. „ייִדל“ נעמט זיך זײַן פֿידל, דער טאַטע נעמט זײַן באַס, און בײדע לאָזן זיך אין דעם ווײַטן וועג אַרײַן !*

## ייִדל[1] מיטן פֿידל

ווערטער : איציק מאַנגער

איבער פֿעלדער, וועגן,
אויף אַ וואָגן היי,
מיט זון און ווינט און רעגן,
פֿאָרן כּלי־זמר[2] צוויי.
אַ חידוש[3], אוי, אַ חידוש,
זאָגט, ווער זײַנען זיי ?

רעפֿריין :
ייִדל מיטן פֿידל,
אַריה[4] מיטן באַס,
דאָס לעבן איז אַ לידל,
טאָ וואָס זשע זײַן אין כּעס[5] ?
היי, ייִדל, פֿידל, שמידל[6], היי,
דאָס לעבן איז אַ שפּאַס !

אַ ציג[7] שטייט אויף דער לאָנקע[8]
און מעקעט[9] טרוי'ריק : מע !
היי, דו ציג, דו שוטה[10],
טרוי'ריק זײַן איז פֿע[11] !
שאָקלט ער דאָס בערדל :
טאַקע, טאַקע, פֿע !

אַ פֿויגל פֿליט : – גוט מאָרגן,
גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר !
דער טרויער און די זאָרגן
צו אַלדע שוואַרצע יאָר[12] !
דעם ווינט אַ לאַך אין פּנים[13],
און ייִדל, ייִדל, פֿאָר !

1. prénom masculin/man's name *dim. de/of* יהודה YEHUDE 2. KLEZMER musiciens/musicians 3. ... KHIDESH étonnant/a wonder 4. ARYE nom masculin/man's name 5. ... KAS pourquoi se mettre en colère?/why be angry? 6. *mot inventé pour la rime/nonsense word for the rhyme* 7. chèvre/goat 8. pré/meadow 9. bêle/bleats 10. SHOYTE idiot/fool 11. pouah !/phooey ! 12. à tous les diables !/can go to hell ! 13. PONEM visage/face.



אַ פלאַקאַט צו „ייִדל מיטן פֿידל“ © D.R.




1. prénom masculin/man's name *dim. de/of* יהודה YEHUDE 2. MISTOME sans doute/doubtless 3. YOYSEF Green 4. échantillon/sample 5. chassés/driven out 6. DIRE-... loyer/rent 7. tant pis !/too bad ! 8. ODEM ... KHAVE Adam ... Eve 9. GAN-EYDN Jardin d'Eden/Garden of Eden 10. quand même/still 11. איצט 12. propriétaire/landlord 13. EMES C'est vrai/ That's true 14. miséricordieux/ merciful 15. troué/holey 16. d'une façon ou d'une autre/some way or other 17. EYTSE ... nous débrouiller/get by 18. BUSHE honte/shame 19. constamment en déplacement/always on the move 20. tavernes/taverns 21. AKHSANYES auberges/inns 22. hommes/men 23. embêter/bother 24. BOKHER garçon/boy 25. se déguise/dresses up as.

אַ פּלאַקאַט צו „אוי, איז דאָס אַ מיידל“ אין בוענאָס־אײַרעס






# פּיקאָן פּײַ[1]

די געטרײַע קאָרעספּאָנדענטקע פֿייגעלע סעלטערמאַן פֿון ניו־יאָרק האָט אונדז צוגעשיקט די ווײַטערדיקע רעצענזיע[2].

מען שפּילט איצט דאָ אין ניו־יאָרק אַ פּיעסע (אויף ענגליש) מיטן טיטל *פּיקאָן פּײַ*, אַ ווערטערשפּיל אויף אַ טיפּיש אַמעריקאַנער מאכל[3] „פּיקאַן פּײַ“[4] און אויפֿן נאָמען פֿון מאַלי פּיקאָן[5], דער באַרימטער אַקטריסע פֿון דער ייִדישער בינע. די פּיעסע, זייער אַ פֿאַרווײַלנדיקע[6], איז אָנגעשריבן לויט מאַלי פּיקאָנס זכרונות[7]. ס'איז אַ פּיעסע פֿאַר צוויי אַקטיאָרן, וואָס שפּילן מאַלי און איר מאַן יעקבֿ קאַליש[8], וועלכער איז אויך געווען איר דראַמאַטורג, רעזשיסאָר און פּראָדוצענט. די אַקטריסע וואָס שפּילט מאַלי הייסט דשון גייבל[9] און זי זינגט און טאַנצט און שפּילט פּרעכטיק שיין. זי איז באַרימט אויף דער אַמעריקאַנער טעלעוויזיע אין דער סעריע „חבֿרים“[10] („פֿרענדז“). קאַליש ווערט אויך שיין געשפּילט פֿון סטואַרט זאַגניט[11], אויך באַקאַנט ווי אַן אַקטיאָר אויף דער בינע און טעלעוויזיע אין אַמעריקע (צווישן אַנדערע, אין אַ פּאָפּולערער קרימינאַל־סעריע). דער עולם[12] האָט גוט פֿאַרבראַכט און די שטימונג איז געווען לעבעדיק און היימיש ; איין פֿרוי האָט זיך געפֿילט אַזוי היימיש אַז זי האָט אַ געשריי געטאָן צו די אַקטיאָרן : „רעדט העכער !“.

די פּיעסע האָט געהאַט דערפֿאָלג : אַ סימן[13] – מע וועט זי באַלד אַריבערפֿירן אין אַ גרעסערן טעאַטער.

1. *Picon Pie* 2. compte rendu/review 3. MAYKhL plat/dish 4. gâteau à la noix de pécan/pecan pie 5. Molly Picon (1898-1992) 6. distrayant/entertaining 7. ZIKhROYNES mémoires/memoirs 8. YANKEV Kalish 9. June Gable 10. KhAVEYRIM amis/friends 11. Stuart Zagnit 12. OYLEM public/audience 13. ...SIMEN la preuve/an indication.

„אַבי געזונט“[1] געזונגען פֿון מאַלי פּיקאַן אינעם פֿילם *מאַמעלע* איז איינס פֿון די פּאָפּולערסטע לידער אויף ייִדיש.

# אַבי געזונט

אַ ביסל זון, אַ ביסל רעגן,
אַ רויִק אָרט דעם קאָפּ צו לייגן,
אַבי געזונט, קען מען גליקלעך זײַן.

אַ שוך, אַ זאָק, אַ קלייד אָן לאַטעס[2],
אין קעשענע[3] אַ דרײַ פֿיר זלאָטעס[4],
אַבי געזונט, קען מען גליקלעך זײַן.

די לופֿט איז פֿרײַ
פֿאַר יעדן גלײַך
די זון זי שײַנט פֿאַר יעדן איינעם,
אָרעם אָדער רײַך.

אַ ביסל פֿרייד, אַ ביסל לאַכן,
אַ מאָל מיט פֿרײַנד אַ שנעפּסל[5] מאַכן,
אַבי געזונט קען מען גליקלעך זײַן.

1. pourvu qu'on ait la santé/as long as you're healthy 2. pièces/patches 3. poche/pocket 4. zlotys, sous/coins 5. verre/drink, *dim. de/of* שנאַפּס.

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
איוועט, אַלינאַ, יצחק, מאַרי,
נאַטאַליאַ, ניקי, עוולין, קלער, רובי.

DER YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *״ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com